בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
קע"ב

מוסדות היכל הקודש ברסלב

יום טוב סוכות
שנת תשפ"ז

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - דִי חָכְמָה פוּן חִינּוּךְ -

### נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ קִינְד

טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים, דִי גַאנְצֶע חָכְמָה פוּן זַיין אַ גוּטֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע אוּן אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ, וֶוענְדְט זִיךְ אִין אֵיין יְסוֹד: נִישְׁט זוּכְן צוּ מַאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַ 'מְחוּצָף'.

מֶען נֶעמְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין אַ מוֹסָד כְּדֵי צוּ קֶענֶען זָאגְן אוֹיף אַ קִינְד: **"מְחוּצָף אַרוֹיס!"** דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמָה, וַוייל מֶען קֶען פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט מַאכְן אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן חוּצְפָּה.

מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע אוּן מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ מְחַנֵּךְ, אוּן אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן קַיין אוּמְאֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער. וֶוען אַ קִינְד עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק: **"אָבֶּער אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט טוּן"**, דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טוּט נִישְׁט אִין לֶעבְּן נָאר וָואס מֶען וִויל, נָאר מֶען טוּט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

מֶען דַארְף אָבֶּער טְרַאכְטְן: 'דֶערְוַוייל אִיז דָאס קִינְד נָאךְ אַ קִינְד; יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט חוּצְפָּה (פִּינְקְט וִוי דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער דֶער מְחַנֵּךְ אַלֵיין הָאבְּן אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַלְס קִינְד...) אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן. אָבֶּער וָואס וֶועט זַיין אִין צֶען יָאר אַרוּם? אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אַוֶועקְשְׁטוּפְּן דָאס קִינְד אוּן אִים אָנְשְׁטֶעמְפְּלֶען אַלְס אַ מְחוּצָף אוּן אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן זַיין חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן זַיין גוּט'.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער, מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי, אוּן אַלְץ זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַ קִינְד פוּן זַיין מַצָּב, אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַ מְחוּצָף אָדֶער אַ שְׁלֶעכְט קִינְד.

### בַּאהַאנְדְלְט אַ גְנֵיבָה מִיט חָכְמָה

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט הָרַב ר' יַעֲקֹב אֱלִיעֶזֶר בֶּערְקָאוִויטְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [דֶער טַאטֶע פוּנֶעם סַאטְמַארֶער דַּיָּן אִין קִרְיַת יוֹאֵל, הגה"צ רֶבִּי גֶעצִיל בֶּערְקָאוִויטְשׁ שְׁלִיטָ"א]. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין דִי סַאטְמֶערֶע חֵדֶר פַאר לַאנְגֶע יָארְן. נָאךְ זַיין פְּטִירָה, בַּיי דִי שִׁבְעָה, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אָנְגֶעזֶעעֶנֶער אִיד אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה: **"אַייעֶר טַאטֶע הָאט מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן"**.

דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, בִּין אִיךְ אִינְמִיטְן טָאג גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַכִּסֵּא. אִיךְ בִּין דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דֶעם מְנַהֵלְ'ס אָפִּיס וָואס אִיז פֶּערְצוּפַאל גֶעוֶוען אָפְן, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶס לִיגְט אַ צְוָואנְצִיגֶער אוֹיפְן טִישׁ; אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיין טַאשׁ.

וֶוען דֶער מְנַהֵל אִיז צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין אָפִּיס, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז דָאס גֶעלְט פֶעלְט. יֶענֶע צַייטְן אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קַאמֶערֶעס (אוֹיגֶעלֶעךְ) אִין דִי מוֹסְדוֹת נָאכְצוּקוּקְן וֶוער עֶס הָאט גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט, אוּן אַ צְוָואנְצִיגֶער אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶער סְכוּם גֶעלְט, בְּעֶרֶךְ אַזוֹי וִוי פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן.

דֶער מְנַהֵל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין כִּתָּה אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: **"עֶס פֶעלְט גֶעלְט פוּן אָפִּיס, אֵיינֶער הָאט גֶעגַנְבְ'עט אַ צְוָואנְצִיגֶער!"** דֶער מְלַמֵּד (רֶבִּי יַעֲקֹב אֱלִיעֶזֶר) הָאט בַּארוּאִיגְט דֶעם מְנַהֵל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֶען צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְט, עֶר גֵייט אַלֵיין דוּרְכְקוּקְן דִי קִינְדֶער. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער: דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶע קִינְדֶער זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן מִיטְן פָּנִים צוּם וַואנְט, אוּן עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אִין דִי טַאשְׁן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מַיין טַאשׁ, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן פַאר שְׁרֶעק אַז עֶר גֵייט מִיךְ כַאפְּן בַּיי דִי גְנֵיבָה, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען - עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט פוּן מַיין טַאשׁ, אָבֶּער עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיסְטַאפְּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זִיךְ צוּרִיק אַרָאפְּגֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

וֶוען דֶער מְנַהֵל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט: **"נוּ, וֶוער אִיז דֶער גַנָב?"** הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶעמְ'ס טַאשׁ"**. הָאט דֶער מְנַהֵל גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס הֵייסְט? וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער גַנָב?"** הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט; אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַ קִינְד."**

דֶער אִיד הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: **"אַ דַאנְק דֶעם וָואס אַייעֶר טַאטֶע הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט, הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן אִין מִיר אַ נֵייעֶר חֵשֶׁק**

**צוּ וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ, אוּן דוּרְךְ דֶעם בִּין אִיךְ אוֹיסְגֶעוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן עֶרְלִיכֶער דוֹר".**

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט אַרַיין אִין דֶעם, וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בֵּיישְׁטֵיין אַזַא נִסָיוֹן.

מֶען דַארְף זַיין גָאר אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל אִין אַזַא פַאל. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע זֶען אַז דָאס קִינְד זָאל מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן **"וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה"** (וַיִקְרָא ה, כג), אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס קִינְד אִיז נָאךְ בְּלוֹיז אַ קִינְד, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַ גַאנְץ יָאר אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן אִים אוּן מֶען קוּקְט אִים אָן וִוי אַ גַנָב. מֶען קֶען דָאךְ רֶעדְן דְרָשׁוֹת אִין כִּתָּה בִּכְלָלִיוּת אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן גְנֵיבָה, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל בִּכְלַל דַארְפְן וִויסְן וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַנָב.

## אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי גְנֵיבָה מִיט חָכְמָה

אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין "בֵּית פִיגָא" שוּלֶע. אַ מַאמֶע הָאט אָנְגֶערוּפְן אַ לֶערֶערִין זִיךְ בַּאקְלָאגְן, אַז אִיר נַיין יֶערִיג טָאכְטֶער קוּמְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים וֵויינֶען אַז אֵיינֶער נֶעמְט אִיר אַרוֹיס נַאשׁ פוּן אִיר טַאשְׁקֶע. דִי לֶערֶערִין הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת, אוּן דִי מְנַהֶלֶת אִיז גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוֹיף דִי קַאמֶערֶעס וָואס כַאפְּן אוֹיף אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי כִּתּוֹת, אוּן זִי הָאט טַאקֶע בַּאמֶערְקְט וִוי אֵיין קִינְד גֵייט צוּ צוּ יֶענֶע קִינְדְ'ס טַאשְׁקֶע אוּן נֶעמְט אַרוֹיס דָאס נַאשׁ.

דִי מְנַהֶלֶת הָאט בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט: עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פַאר דִי לֶערֶערִין אַז אִיךְ וֵוייס וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶענוּמֶען. וַוייל אוֹיב דִי לֶערֶערִין וֶועט גֶעוָואוֹיר וֶוערְן וֶוער דָאס קִינְד אִיז, וֶועט זִי אִיר שׁוֹין אָנְקוּקְן וִוי אַ גַנָב'טֶע בִּיז סוֹף יָאר אוּן מֶער נִישְׁט הַאלְטְן פוּן אִיר; דָאס קִינְד וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל אֵיינְמָאל אַ קִינְד שְׁפִּירְט אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן אִיר, פַארְלִירְט זִי דֶעם חֵשֶׁק אוּן דָאס שְׁטְרֶעבְּן צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל.

דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי לֶערֶערִין: **"אִיךְ וֶועל זֶען וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער עֶר זָאל נָאכְקוּקְן וֶוער עֶס הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט..."**

דֶערְנָאךְ הָאט דִי מְנַהֶלֶת גֶערוּפְן דָאס קִינְד צוּ זִיךְ אִין אָפִיס אוּן אִיר שֵׁיין אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט: **"עֶפֶּעס אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז אֵיינֶער נֶעמְט אַרוֹיס נַאשׁ פוּן אִיר טַאשְׁקֶע; דוּ וֵוייסְט אֶפְשָׁר וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעטוּן?"** הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"נֵיין"**.

אַזוֹי וִוי דִי מְנַהֶלֶת הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן פַארְן קִינְד אָפְן אִין פָּנִים אַז זִי הָאט אַלֵיין גֶעזֶען אוֹיף דִי קַאמֶערֶעס וִוי זִי גַנְבְ'עֶט, אוּן זִי אִיז סַיי אַ גַנָב אוּן סַיי אַ לִיגְנֶער, הָאט זִי אִיר גֶעזָאגְט: **"זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעגַנְבְ'עֶט, דוּ בִּיסְט אַ וואוֹיל קִינְד"**. דֶערְנָאךְ הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן כְּאִילוּ צוּ זִיךְ אַלֵיין: 'אִיךְ טְרַאכְט צִי אִיךְ זָאל אֶפְשָׁר בֶּעטְן דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער עֶר זָאל גֵיין נָאכְקוּקְן וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶענוּמֶען'. נָאכְדֶעם הָאט זִי צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס מִיטְן קִינְד אוּן גֶעזָאגְט: **"זָאלְסְט וִויסְן, אוֹיב מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג, קֶען מֶען אַלְץ קוּמֶען צוּם אָפִיס בֶּעטְן אַ נַאשׁ אָדֶער עֶפֶּעס צוּ עֶסְן. גֵיי צוּרִיק אִין כִּתָּה"**. שְׁפֶּעטֶער אִיז דִי מְנַהֶלֶת אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה אוּן גֶערֶעדְט בִּכְלָלִיוּת צוּ אַלֶע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן גַנְבְ'עֶנֶען.

דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר מְחַנְכִים אַז מֶען דַארְף הַאלְטְן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט זוּכְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַ קִינְד פַאר אַ 'מְחוּצָף' אוּן אִים אוֹיפְוַוייזְן: 'אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה!'

## וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּפִירְן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע

וֶוען אַ קִינְד פַאלְט אַרַיין אִין אַ שְׁוֶוערֶע גִיסְטֶע, עֶר בְּלָאזְט אוּן וִויל נִישְׁט פָאלְגְן - לְמָשָׁל אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט אוֹיפְעֶסְן דִי נַאכְטְמָאל אוּן עֶר שְׁרַייט מִיט עַקְשָׁנוּת: **"נֵיין! אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶסְן!"** - זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ דָא דְרַיי וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶלְטֶערְן רֶעאַגִירְן צוּ דֶעם.

1. עֶס אִיז דָא דֶער וֶועג פוּן פְּרַאסְקֶען, טֵיילְן פֶּעטְשׁ אָדֶער גֶעבְּן אַנְדֶערֶע קְנָסוֹת. דֶעם וֶועג נִיצְן נָאר עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין מְחַנְכִים; זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם וֶועג; מֶען קֶען מִיט דֶעם חַס וְשָׁלוֹם חָרוּב מַאכְן אַ קִינְדְ'ס נֶפֶשׁ אוּן אִים הַרְגְ'עֶנֶען גֵייסְטִישׁ פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס דַארְפְן דָאס מִיטְמַאכְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

2. דֶערְנָאךְ אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶער וֶועג: אִיגְנָארִירְן דָאס קִינְד. דָאס טוּעֶן רוֹב מַאמֶעס וֶוען אַ קִינְד עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ אוּן וִויל נִישְׁט עֶסְן; זֵיי טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ אוֹיפְן קִינְד: 'אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט עֶסְן - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט; וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ קֶען דָאךְ נָאר פְּרוּבִּירְן'. דָאס אִיז שׁוֹין אַ בֶּעסֶערֶער מַהֲלָךְ וִוי שְׁלָאגְן.

3. אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ דְרִיטֶער וֶועג, וָואס דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג: אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דָאס קִינְד אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע גִיסְטֶע, אָן אִים צוּ מַאכְן שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט אָדֶער חוּצְפָּה'דִיג.

דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן; זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז בֶּאֱמֶת וִויל קַיין אֵיין קִינְד נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט אָדֶער זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן. וֶוען אַ קִינְד פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי, אִיז עֶס בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט - צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז יֶעצְט אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּנֶעם בָּאס אָדֶער צוּלִיבּ אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה - אוּן וִויבַּאלְד עֶר אִיז דָאךְ בְּלוֹיז אַ קִינְד, קֶען עֶר זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע. דֶערְפַאר הֶעלְפְן זֵיי דֶעם קִינְד דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט דֶעם מֹחַ פוּנֶעם קִינְד אוּן מֶען פִירְט עֶס אַוֶועק צוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

לְמָשָׁל, וֶוען אַ קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים אוֹיפְעֶסְן דִי נַאכְטְמָאל, זָאגְט מֶען פַארְן קִינְד: **"אוֹי, קוּק וִוי אַ פֵייגֶעלֶע פְלִיט דָארְט!" "וואוּ וואוֹינֶען דִי פֵייגֶעלֶעךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי קַאלְט פַאר דִי פֵייגֶעלֶעךְ!"** אוּן אַזוֹי, בְּשַׁעַת דֶעם קִינְדְ'ס מֹחַ טְרַאכְט פוּנֶעם פֵייגֶעלֶע, שְׁמוּגֶלְט מֶען אַרַיין דָאס עֶסְן אִין מוֹיל, אוּן דָאס קִינְד כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז מֶען הָאט אִים דָא אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט.

אוֹיב דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט, זָאגְט מֶען וַוייטֶער פַארְן קִינְד: **"אוֹי, קוּק וִוי אַ פָּאלִיצֵיי קַאר פָּארְט דָא!"** אוֹיבּ דָאס קִינְד שְׁרַייט אוּן שְׁטוּיסְט וַוייטֶער: **"נֵיין, נֵיין, נֵיין!" "אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן, אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט לִיבּ"**, דַארְף מֶען שְׁנֶעל טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאגְט פַארְן קִינְד:

## (המשך) שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**"אָהָ, וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אוֹיפְּעֶסְן דַיין נַאכְטְמָאל, גֵייעֶן מִיר אוֹיסְטֵיילְן סְפֶּעצִיעֶלֶע קֶענְדִיס פַאר אַלֶע שְׁכֵנִים, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גַבַּאִי!"** פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעמְ'ס מְשָׁלִים, וַוייל יֶעדֶער מוּז נִיצְן זַיין אֵייגֶענֶעם וֶועג כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיסְזֶען נַאטִירְלִיךְ.

דָאס זֶעלְבֶּע שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי מְחַנְּכִים אִין כִּתָּה. עֶס זֶענֶען דָא מְחַנְּכִים וָואס בַּאנִיצְן זִיךְ מִיטְן עֶרְשְׁטְן מַהֲלָךְ פוּן טֵיילְן פֶּעטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן - אָדֶער זֵיי סְטְרַאשֶׁען: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען מִיט קוּמֶען צוּם אוֹיסְפְלוּג"**, אוּן עֶנְלִיכֶע סְטְרַאשׁוּנְגֶען. אַנְדֶערֶע מְחַנְּכִים נֶעמֶען דֶעם צְוֵויטְן מַהֲלָךְ פוּן אִיגְנָארִירְן דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער.

אָבֶּער אַ קְלוּגֶער מְחַנֵּךְ פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט חָכְמָה אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶעלְפְן דָאס קִינְד אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין מַצָּב. עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז וֶוען אַ קִינְד וִויל נִישְׁט פָאלְגְן, אָדֶער עֶר שְׁטֶערְט אוּן דְרֵייט אִיבֶּער, מֵיינְט עֶס נָאכְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אַ 'מְחוּצָף', נָאר עֶס אִיז אַ בַּאוַוייז אַז דָאס קִינְד זוּכְט אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; עֶס פֶעלְט אִים פָּשׁוּט אַבִּיסְל גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶערְפַאר נִיצְט עֶר זַיין שֵׂכֶל אוּן טְרַאכְט מִיט חָכְמָה וִוי אַזוֹי עֶר קֶען גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד דֶעם גֶעפִיל אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד אוּן חָשׁוּב, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן זֵיי זַיין צוּפְרִידְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן וואוֹיל.

### מֶער נִישְׁט קַיין מְחֻצֶּפֶת

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין "בֵּית פֵּיגָא" שׁוּלֶע. אַ לֶערֶערִין הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַ סֵדֶר אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אַז מֶען שִׁיקְט אַרוּם אַ 'צְדָקָה פּוּשְׁקֶע' פוּן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵויטְן, אוּן דִי קִינְדֶער לֵייגְן אַרַיין אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה. בַּיי אַלֶע קִינְדֶער הָאט עֶס גֶעקְלַאפְּט; יֶעדֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ פְּרוּטָה אוּן עֶס וַוייטֶער אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט, אָבֶער בַּיי אֵיין קִינְד הָאט זִיךְ עֶס יֶעדְן טָאג אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. יֶעדֶע מָאל וֶוען דִי פּוּשְׁקֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר פְּלַאץ, הָאט זִי זִיךְ גֶעמַאכְט כְּאִילוּ זִי זֶעט עֶס נִישְׁט. דָאס הָאט שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט אִין כִּתָּה, וַוייל דוּרְךְ דֶעם הָאט זִי אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה פוּן אַרוּמְשִׁיקְן דִי פּוּשְׁקֶע אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיטְן דַאוֶוענֶען.

נָאכְדֶעם וָואס דָאס הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע טֶעג, הָאט דִי לֶערֶערִין גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: 'דָאס קִינְד אִיז אַ מְחֻצֶּפֶת, מֶען דַארְף אִיר אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה'. אָבֶער זִי הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ אָנְשְׁטֶעמְפְּלֶען אַ קִינְד אַלְס אַ מְחֻצֶּפֶת, וַוייל מֶען קֶען דָאךְ פוּן יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן חוּצְפָּה. לָאמִיר עֶנְדֶערְשׁ פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג.

דִי לֶערֶערִין הָאט צוּגֶערוּפְן דָאס קִינְד אִין אַ זַייט אוּן אִיר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט פַארְבְּן דִי פּוּשְׁקֶע מִיט שֵׁיינֶע קָאלִירְן אוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ דֶערוֹיף; דַיין אַרְבֶּעט וֶועט זַיין עֶס צוּרִיק צוּ לֵייגְן אוֹיפְן פְּלַאץ יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען"**. אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער; פְּלוּצְלִינְג הָאט דָאס קִינְד אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְצוּאַרְבֶּעטְן אוּן אַרוּמְשִׁיקְן דִי פּוּשְׁקֶע פִּינְקְט וִוי יֶעדְן אֵיינֶעם...

דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען מֶען אַיינְשְׁפָּארְן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן חוּצְפָּה.

### בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז נָאךְ אַלֶע עֵצוֹת אוּן מְהַלְּכִים, קֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן נָאר הֶעלְפְן אוֹיבּ עֶס קוּמְט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה. מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער פִּינְקְט וִוי מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אוּן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן"**.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין, סַיי פַאר דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן סַיי פַאר דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם מִכְשׁוֹל דוּרְךְ מִיר; אִיךְ זָאל חָלִילָה קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִיר צוּ דִינֶען, נָאר אִיךְ זָאל יֶעדְן מְקָרֵב זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ דִיר"**.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי מְחַנְּכִים וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה אוּן זוּכְן נִישְׁט צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער פַאר קַיין מְחוּצָּפִים, נָאר זֵיי נֶעמֶען אוֹיף יֶעדְן קִינְד מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי זִיכֶער הֶעלְפְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### פִּירְן אַ פָּשׁוּט'עֶ בִּילִיגֶע לֶעבְּן, קֶען שַׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פַאמִילְיֶע, אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ אַ בִּילִיגֶע סְטַאנְדַארְט, צוּ קוֹיפְן דִי בִּילִיגְסְטֶע, אוּן אֲפִילוּ נֶעמֶען גֶענוּצְטֶע וֶועשׁ פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד גֵייעֶן מִיר נָאר צוּ פָּשׁוּטֶ'ע פְּלֶעצֶער צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען. וְוידֶער מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר הוֹיךְ, זֵיי קוֹיפְן אַלְץ טֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן מֶען גֵייט אוֹיף וַוייטֶע אוּן טֵייעֶרֶע אוֹיסְפְלוּגְן.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דָאס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע קֶענֶען שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען בַּא'עַוְולְ'ט גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען דִי נֶעבֶּעךְ'ס, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל וִוי זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן וְכוּ'.

וִויסְן זָאלְט אִיר, דִי קִינְדֶער וָואס מֶען צֶערְטֶעלְט (סְפּוֹילְט) זֵיי, מֶען טוּט זֵיי אָן וִוי קֶענִיגְן אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי חוֹל הַמּוֹעֵד

הַאלְטְן אוֹיף דִי זוּן אִין דִי לְבָנָה וְכוּ׳ – אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, וַוייל גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי חָלוֹמְ׳עֶן דָאס מַאכְט זֵיי פַאר אַ נֶעבֶּעךְ.

גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וְכוּ׳ – אִיז אַ פוֹילֶע וֶועג אִין חִינוּךְ; עֶלְטֶערְן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט אַז דָאס אָנְטוּן דִי קִינְדֶער מִיט דִי טֵייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי נֵייסְטֶע מָאדֶעס – וֶועט זֵיי שְׁפֶּעטֶער קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז.

קִינְדֶער דַארְפְן גָארְנִישְׁט, קִינְדֶער דַארְפְן נָאר אַיין זַאךְ: ״אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ״; קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, זַיי וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, וואוּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן – דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט וֶוערְן קַיין נֶעבֶּעךְ׳ס. קִינְדֶער וָואס מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ זֵיי, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי נִישְׁט, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף זֵיי – דִי וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וַוייטֶער צוּ מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער פָּשׁוּט אוּן בִּילִיג אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): ״כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר ווִיל גֶעפֶעלְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְט עֶר אַזוֹי ווִי אַ קָאלִירְטֶע פֵייגְל וָואס טוּישְׁט יֶעדְן טָאג אִיר קָאלִיר, וַוייל זִי דַארְף פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְקוּקְן – דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; אַז מֶען זוּכְט נָאר צוּ גֶעפֶעלְן אַ צְוֵוייטְן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ נֶעבֶּעךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְּט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ – דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

נָאכְאַמָאל, קֵיינֶער זָאל אַייךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס טֵייעֶרְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳ וֶועלְן זֵיי שְׁפֶּעטֶער זָאגְן אַז מֶען הָאט זֵיי בַּא׳עַוְולְ׳ט; פַארְקֶערְט, דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אַז מֶען הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן וְכוּ׳ – קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען הָאט זֵיי בֶּאֱמֶת גֶעפַּיינִיגְט, פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶע׳רוֹדְפְ׳ט, דָאס בַּאדֶערְט זֵיי.

דֶער עִקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוּן רַייסְט אוֹיס יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רצב)

## אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִיכְטִיג דִי פְּלֶעִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְלֶעי חוֹל הַמוֹעֵד; אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ פְלֶעי, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט אוּנְז גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, מִיר הָאבְּן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ נִישְׁט צוּ קַיין פְלֶעִים, אִיךְ הַאלְט זֵיי מִיט מִיר, אִיךְ פְּרוּבִיר זֵיי צוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי נַארִישֶׁע פְלֶעִים.

וָואס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס וֵייס אִיךְ פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן; מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ״ג)

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
**אויף קול ברסלב**
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876